


# קינדערישע זכרונות...

אמאל איז דאס געווען... שוין טאקע זייער לאנג צוריק – אבער פארט איז עס געשעהן...

געווען אמאל א קינד. א פרייליך קינד, א לוסטיג קינד. א תמימות'דיג אינגעלע, א נאאיווע שעפעלע. נישט פארפליכטעט צו קיין שום פארעם. נאטורליך און ארגינאל. פשוט און גראד. אן קיין קונצן און אן קיין דריידלעך. אן קיין מאסקע און אן קיין שלייער. באפרייט פון די אנגענומענע 'פליכט' אנצושטעלן א פנים – יעדעס מאל פון אן אנדער סארט – געווענדן לויטן באשטעלונג און צושטאנד. ריין פון די געזעלשאפטליכע פאדערונג ארויפצוציען א סארט געזיכט וועלכע זאל שיין שטימען מיטן ארומיגן מצב, אזוינס וואס זאל קלאפן מיטן געפיל וואס מען "וואלט ווען" געדארפט צו האבן אין אזא צייט. אים פטר'ט מען נאך ביז דערוויל פונעם אזויגערופענעם "מענטשליכקייט" צו שפילן דעם שפיל, צו אויסברייטערן די גומען מיט א גרויסן שמייכל – אפילו טאמער עס קומט אים בכלל נישט צו לאכן. און אין אנדערע פעלער, צו פארשטייפן די באקן אויף אן ערנסטן פארמאט – אפילו טאמער עס ווילט זיך אים יא שמייכלען. זאגן שיינע ווערטער – וועלכע הייבט נישט אן צו זיין אמת ביי אים. און אין אנדערע פעלער, זיך צוריקצוהאלטן פון זאגן אן אמת ווארט – וויבאלד עס 'פאסט' נישט. אלעס געבונדן צו די סיסטעמאטישע 'פרינציפן'...

חשוב'ער ליינער! פרישט אויף אייער זכרון און דערמאנט אייך אמאליגע מעמואורן: אמאל איז דאס געווען... נישט יענער – נאר טאקע איר... איר זענט אמאל געווען יענץ קינד... זיך ארומגעדרייט אויף די וועלט מיט א נאטורליכע גוטסקייט, די ריינע נשמה האט ארויסגעשיינט איר נאטורליכע ליכטיגקייט אינדרויסן אן קיין אפהאלט. געווען דעמאלט אזוי גליקליך און צופרידן. נישט געפירט קיין שום פאליטיק פון דעם מארגן און דער נעכטן, געזאגט דעם אמת היינט – אן אריינמישן א זארג פאר די סתירה מיט וואס מען וועט זאגן מארגן. געטון דעם אמת היינט – אן חשבונ'ען צי עס שטימט מיט די נעכטיגע אגענדע. נישט באהאלטן קיין שוואכקייטן אלס מורא אז עס וועט שאדטן פארן צוקונפטיגן קאריעריע – וויבאלד עס האט ניטאמאל עקזעסטירט בכלל אזא באגריף אין זיין ווערטער בוך, מען בויעט נישט קיין קאריעריעס און מען לייגט נישט אוועק אויף שפעטער, מען לעבט נאר מיטן 'יעצט' און מען האט הנאה פון יעדע מינוט 'לעבן'. געווען דאן דורכזיכטיג ווי קריסטאל און ארויסגעלאזט אינדרויסן אלץ וואס עס שפילט זיך אפ אינעווייניג, געוויינט ווען עס האט זיך געוואלט וויינען און געלאכט ווען עס האט זיך געוואלט לאכן. געשריגן ווען עס האט זיך געשריגן און געגלעט ווען עס האט זיך געגלעט. אלע פונקציעס און אקטיוויטעטן האבן זיך געדרייט ארום איין אמת'ע נקודה – דאס וואס עס ליגט יעצט אין די איצטיגע מינוט אויפן הארץ. אט דער ריינער אמת האט באגאסן דאס געזיכט מיט אזא זעלטענע חן, אזש אז אלע ארומיגע האבן זיך נישט געקענט גענוג אפזעטיגן פון זיך טשאטשקען מיט דעם 'זיסן שעפעלע'. אוי! גוטע זכרונות!

אז מען הייבט אויף די אויגן צום הימל, דערמאנט מען זיך: **"השם אלקים אמת"** – דער אויבערשטער איז אמת. ביי אים איז נישטא קיין שום שינויים. ער טוישט זיך נישט לויטן מצב. זיין ליכטיגקייט איז נאטורליך און זיין אור איז תמימות'דיג. פשוט און גראד, "פשוט בתכלית הפשיטות". אזוי אויך די וועג וויאזוי ער אנטפלעקט זיך אין די וועלט – דורך די באשעפענישן וועלכע עקזעסטירן אויף דער וועלט – איז נאר דורך אמת, נאר דורך זייער נאטורליכע מציאות אזויווי עס איז, אן קיין פלעק, אן אנשטעלן א פנים, אן דאס מינדעסטע אפנויג פון דאס וואס ער איז טאקע עכט, אן זיין דאס 'וואס ער איז נישט'. די זון איז אייביג דאס וואס עס איז. די לבנה און שטערן שיינען נאר לויט זייער נאטורליכע מציאות און אזוי ווייטער יעדע אקטיוויטעט אין די בריאה, אנגעהויבן פון די כוואליעס פון אקעאן – צי עס זאל שטורעמען מיט אן אויפברויז אדער פליסן מיט א געשמאק, צי עס זאל זיך הייבן מיט א געפילדער אדער שווימען רואיג און שטיל – און געענדיגט ביים געוואוקס פון פעלד – צי עס זאל ארויסגעבן אן עפל אדער א מאראנץ – אלעס איז פונקטליך לויט זיין ארגינאלע נייגונג וואס דער באשעפער האט אריינגעבויעט אין אים. אלע באשעפענישן אין דער וועלט זענען ריין און לויטער, וואס דעריבער זענען זיי אזוי געשמאק און באַחנ'ט, אזש אז עס איז אזוי באַטעמ'ט צו שטיין און קוקן אויף זיי, פונקט ווי עס ציהט צו הערן דאס ריינע געלעכטער און ציכטיגע געוויין פונעם תמימות'דיגן קינד, זייענדיג אזוי נאטורליך, גארנישט מער און גארנישט ווייניגער ווי דאס וואס עס טוט זיך ביי אים אינעווייניג. דוקא דאס קינד – דורך זיין פשוט'ע באנעמונג – אנטפלעקט דעם אויבערשטן אויף דער וועלט! דוקא ער ברענגט ארויס דאס מערסטע דעם אויבערשטנס 'אמת'!

*

דאס קינד ווערט אביסל עלטער, ער ווערט פארטריבן פון גן עדן – פון זיסע תמימות'דיגקייט – און ווערט געצוואונגען צו גיין צום רבי'ן אין חדר. דארט באגעגנט ער זיך צום ערשטן מאל מיט מענטשן וואס זענען גרעסער און העכער פון אים, זיי קניפן אים טאקע אין בעקל, אבער צומאל צילן זיי אויף אים צוויי פאר אויפגעברויזטע אויגן וועלכע ווארפן אים אריין אין א פחד און שרעק. דארט באגעגנט ער זיך מיט גאר הארבע שטראף מיטלען און זיינע מחנכים טוען מיט אים דאס וואס מען האט געטון מיט זיי... דארט הייבט ער אן זיך צו חבר'ן מיט חברים און ווערט א חלק פון א 'געזעלשאפט'. און... זיין נאאיווע תמימות פאנגט אן אונטערצוהינקן. דא – זייענדיג דער 'קליינער' צווישן די גרויסע – דארף ער באצאלן, כדי צו באקומען. דא – זייענדיג דער 'גארנישט' צווישן די פערזענליכקייטן – מוז ער זיין 'עפעס', כדי

זוכה צו זיין אז זיי זאלן אפילו וועלן קוקן אויף זיין זייט. זיין לעבן וועט ארומגענומען פון אלע זייטן מיט הארטע פרינציפן און סיסטעמאטישע ארדענונג. אויף יעדן טריט און שריט ווערט ער באהערשט פון באפעלן און אנווייזונגען און ער האט נישט קיין צוויי ברירות, ער מוז זיך צושטעלן דערצו. אך און וויי טאמער ער וועט נאר פרובירן ווידערצושפעניגן אינעם שטרענגן דיסציפלין וועלכע ווערט אויסגעאיבט אויף אים. אך און וויי טאמער ער וועט פארזעצן צו לעבן ווייטער פונקט ווי ביז היינט, נאטורליך און אמת'דיג, אינדרויסן ווי אינעווייניג.

דאס לעבן טוט דאס זייניגע. דער נפש פאדערט אביסל אויפמערקזאמקייט און רעספעקט. זעהנדיג אז מען קען דאס נישט באקומען נאר דורך דעם וואס מען וועט זיך נישט וואוסנדיג מאכן פונעם אינערליכן זעהל, באשליסט דאס קינד – צומאל באוואוסטזיניג און צומאל אונטערן באוואוסטזיין – אז ער וועט אויפגעבן אויף די אינערליכע לעבן, אבי צו קענען זעטיגן די זעהלישע געברויכן. ער באמערקט אז עס האבן זיך פארמירט אין זיין לעבן אזעלכע קעסטלעך וועלכע זענען בכלל נישט זיין מאס, אבער עס איז סייווי נישטא קיין צוויי ברירות, טאמער וויל ער עס איבערלעבן, טאמער וויל ער נאך אמאל הערן א גוט ווארט אויף זיין קאנטע, מוז ער זיך צושטעלן און לעבן אין אט די דאזיגע קעסטלעך. טאמער איז דער קעסטל צי גרויס פאר אים, וועט ער זיך מוזן אויסברייטערן, זיך אויסציען און אנשטרענגן איבער די מאס, זיך איבעררייסן איבער די כוחות – אבי צו קענען אריינפאסן אין דעם אנגענומענעם קעסטל. ווידעראום פארקערט, טאמער איז דער קעסטל צי קליין פאר אים, זיין נפש איז פיל ברייטער פון דעם, וועט ער זיך מוזן איינצוימען און איינשרונקען כדי ער זאל קענען ארייפאסן אין דעם תפיסה לאך וואס מען האט אויסגעפארעמט פאר אים. זיין נפש שרייעט פון ווייטאג, זי שפירט זיך גענצליך צוקוועטשט און צודריקט, אבער וואס קען מען טון? פארפאלן! דאס איז דאס לעבן און פארטיג.

די כללים פון וועלט פאדערן פון אים אן אויפהער אהערצושטעלן פונדרויסן א שיינע "שוי פענסטער" וואס זאל צייגן שיינע סחורה – כאטש דער געשעפט אינעווייניג איז גענצליך ליידיג און פוסט. דארט אינעם שוי פענסטער מוז מען ארויסשטעלן אזעלכע סארט פראדוקטן – וועלכע שטימען מיט דעם היינטיגן סטיל, דאס וואס די גאס קוקט ארויף דערויף אלס שיין און גוט. צי עס איז טאקע שיין אדער נישט – איז נישט קיין נפקא מינה, דער עיקר אז די 'חיצוניות' קלאפט ווי עס דארף צו זיין און מען ווערט אקצעפטירט צווישן די געזעלשאפט אלס נארמאלער מענטש. און וואס איז מיט די 'פנימיות'? די נאטורליכקייט? די אמת'דיגקייט? די אינערליכע זעהל? אוי! זי ווערט נעבעך אפגעווישט פון די מאפע! זי ווערט גוט איינגעפאקט אין א באהאלטענעם קבר דארט ערגעצוואו אין די טיפענישן פון הארץ, דארט טליעט זי מיט א קליינעם פונק, אבער באקומט קיינמאל קיין ערלויבעניש זיך צו באווייזן אויפן האריזאנט. אוי! נעבעך! אזוי בארבאריש איז איר לעבן פארשניטן געווארן אן איבערלאזן קיין קינדער וועלכע זאלן זאגן קדיש נאך איר געדענקעניש... זי ליגט זיך דארט אין קבר און איר שיינענדע צורה ווערט צוביסלעכווייז פארגעסן פון די לעבעדיגע. איר ליכטיגקייט שיינט שוין נישט מער און מען געדענקט שוין אפילו נישט וויאזוי זי האט אויסגעזעהן און וואס איז געווען איר ספעציעלע מעלה.

מיט די צייט הייבט אים אן דערקוטשען א פאר'יתומ'טע פראגע, א נייע סארט פראגע וועלכע איז אמאל בכלל נישט געווען קיין טעמע, נעמליך: "ווער בין איך?". אמאל האט ער קלאר געוואוסט ווער ער איז, זיינע אויסערליכע פעולות האבן אים שטענדיג פארציילט ווער ער איז און וואס ער וויל. אבער לעצטנס – זינט זיינע אויסערליכע פעולות זענען פארדרייט געווארן, עס זענען שוין נישט דאס וואס 'ער' וויל טון עס זענען שוין דאס וואס 'זיי' ווילן טון – האט ער שוין פארגעסן ווער 'ער' איז בכלל. ער דערקענט זיך שוין נישט, ער ווייסט נישט וואס זענען זיינע אינערליכע נייגונגען, וואס האט 'ער' ליב און וואס נישט. אפילו אין די גאר זעלטענע פעלער וואס ער טוט יא דאס וואס זיין אינערליכע נפש גלייכט – זייענדיג פערצופאל אין איינקלאנג מיט וואס 'זיי' גלייכן – קומט אבער נישט ארויס דארטן זיין נאטורליכע קינדערישע נפש, ער איז נישט געהעריג באהאפטן דערצו, וויבאלד זיין נפש איז געבונדן אין קייטן, אלץ וואס ער טוט איז נאר וויבאלד 'זיי' האבן עס ארויפגעלייגט אויף אים – נישט ווייל ער אליינס האט עס אויסגעוועלט. א פרעמדער 'איך' האט איבערגענומען די לייצעס, באהערשט דעם פאלאץ און זיך דערקלערט אלס 'איך', און דער עכטער 'איך' – דער תמימות'דיגער און נאאיווער אינגעלע – שעמט זיך פון זיין אייגענע שאטן, ער נעמט זיך נישט אן פאר זיינע רעכטן, ער טרייבט נישט ארויס דעם רויבער פון פאלאץ, נאר ער באהאלט זיך אין קעלער מיט גרויס שרעק. נאך איין מזל אז – ווי יונג ער איז נאר – פארמאגט ער אבער דעם געריבענעם חוש פון פעלשעווען, אנצוטון א מאסקע און אויסטון די מאסקע, עפענען דעם מויל און עס פארמאכן – אלעס לויטן געברויך וואס דער אויסערליכער 'איך' פארלאנגט – געוואנדן אין וואס 'זיי' האבן באשלאסן אז עס איז גוט און נארמאל. דער ערשטער פריאריטעט אין לעבן איז געווארן: "קיינמאל נישט ארויסשטארן – נאר זיין ווי יעדן איינעם!".

אז מען הייבט אויף די אויגן צום הימל, דערמאנט מען זיך: **"השם אלקים אמת"**. דער אויבערשטער איז אמת. ביי אים איז נישטא קיין שום שינויים. ער טוישט זיך נישט לויטן מצב. זיין ליכטיגקייט איז נאטורליך און זיין אור איז תמימות'דיג. פשוט און גראד, "פשוט בתכלית הפשיטות". אזוי אויך די וועג וויאזוי ער אנטפלעקט זיך אין די וועלט – דורך די באשעפענישן וועלכע עקזעסטירן אויף דער וועלט – איז נאר דורך אמת, נאר דורך זייער נאטורליכע מציאות אזויווי עס איז, אן קיין פלעק, אן אנשטעלן א פנים, אן דאס מינדעסטע אפנויג פון דאס וואס ער איז טאקע עכט, אן זיין דאס 'וואס ער איז נישט'. נישטא קיין געטליכע מציאות וועלכע זאל זיין אנדערש ווי ער איז אין פאקט. נישטא קיין ריינע רוחניות'דיגע כאראקטער וועלכע פונקציאנירט אויף אן אנדערע פארמאט ווי עס איז אין פאקט.

*

וועט איינער מיינען אז דאס קינדערישע ריינקייט איז א פארגאנגענהייט, איינמאל מען ווערט ערוואקסן פארלירט מען דאס. וועט מען אפשר קלערן אז מען קען נישט צוריקדרייען דעם זייגער, מען קען שוין נישט לעבן מיט אזא נאטורליכקייט און ריינקייט ווי דאס קינד – וויבאלד מען האט שוין באקומען אביסל איבריגע געריבנקייט און אויבער-חכמה. ניין! עס איז ווייט נישט ריכטיג! אן אמת'דיגע רוחניות'דיגע מציאות קען נישט אוועקגיין – עס קען נאר ווערן מער פנימיות'דיג, מער באהאלטן אינערליך. יעדע מענטש ענטהאלט ביי זיך אין נפש אלע זיינע תקופות – ארייגערעכנט די קינדערישע תקופה – וועלכע שטרעבט נאך און ווארט נאך ארויסצוקומען און לעבן אין די עפנטליכקייט מיט אט די דאזיגע ריינקייט און אמת'דיגקייט; ווי מען געפונט אויסדרוקן פון צדיקים: "איך בין נאך גאר יונג! איך בין נאך א קינד! איך בין נאך א נשמה איידערן אראפקומען אויף דער וועלט!".

אין פאקט: די אינערליכע ליכטיגקייט האט זיך נישט אויסגעלאשן! עס עקזעסטירט נאך אין באהעלטעניש! דער אויבערשטער ווערט אנגערופן "מגן אברהם", ער היט אפ און באשיצט ביי יעדן איד דעם דאזיגן אינערליכן פונק פון אמת, אז עס זאל זיך קיינמאל נישט פארלעשן. דער אינערליכער נקודה פון נשמה, אז עס זאל קיינמאל נישט אויסגעמעקט ווערן. דער אינערליכער נצחיות פון אידישקייט, אז עס זאל קיינמאל נישט פארשוואונדן ווערן. דער אינערליכער 'איך' – דער אינגעלע, אז עס זאל קיינמאל נישט ערמארדעט ווערן. יא! עס איז נאך פארהאן אן האפענונג צוריקצוקומען דערצו – אפילו מען שטייט שוין אין די עלטערע יארן!

(פארזעצונג קומט אי"ה)